


# ארויסהעלפן א קלעימענט מיט ארבעטסלאזיקייט אינשורענס

## וואס איר דארפט וויסן

צומאל פאדערט א מענטש א העלפער פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. דער מענטש וואס באקומט בענעפיטן – באקאנט אלס דער "קלעימענט" – וועט מעגליך דארפן הילף כדי צו אריינגעבן א קלעים, פאדערן וועכנטליכע בענעפיטן, אדער באקומען ענטפערס פאר פראגעס. א העלפער קען זיין א פריינט, קרוב, אדוואקאט, אדער אן אנדערע פארטיידיגער.

דער קלעימענט קען מעגליך האבן א שוועריקייט צו נוצן אונזער טעלעפאן קלעימס צענטער אדער וועבסייט פאר עטליכע סיבות, ווי למשל:

- זיי רעדן נישט א גוטע ענגליש
- זיי פארשטייען נישט ענגליש
- זיי לייענען נישט גוט
- זיי האבן א דיסאביליטי, אזויווי הער-קראפט פארלוסט אדער א רעדן פראבלעם

דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר האט גענומען שריט כדי צו העלפן יעדן איינעם נוצן אונזערע סערוויסעס. דאס רעכנט אריין צושטעלן שפראך איבערזעצונג סערוויסעס און סערוויסעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס.

## וואס איר קענט טון אלס א העלפער

איר קענט באקומען אינפארמאציע פאר א קלעימענט, עס איבערזעצן, און העלפן דער קלעימענט אריינגעבן א קלעים פאר און קלעימ'ען וועכנטליכע בענעפיטן.

איר מוזט געדענקען אז איר זאלט נאר זיין א פארמיטלער צווישן דער קלעימענט און דער דעפארטמענט און לעיבאר שטאב. איר זאלט נישט טענה'ן א דעה פאר א קלעימענט אדער ענטפערן פראגעס פאר א קלעימענט אן זיי ערשט פרעגן.

דער קלעימענט זאל אליינס טון אלעס וואס זיי קענען. דאס רעכנט אריין רעדן מיט טעלעפאן קלעימס צענטער שטאב.

## פריוואטקייט און דער קלעימענט'ס פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער (PIN)

דער קלעימענט מוז מאכן א PIN כדי זיך צו איינגעבן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן. זיי מוזן נוצן יענע PIN צו פאדערן וועכנטליכע בענעפיטן.

אויב א קלעימענט קען נישט אריינלייגן זייער אייגענע PIN, מעגן זיי אייך אויסזאגן זייער PIN. פונדעסטוועגן, מוז דער קלעימענט זיין מיט אייך יעדע מאל וואס איר פארבינדט זיך מיט'ן טעלעפאן קלעימס צענטער אדער נוצט די וועבסייט פאר זיי.

ווען איר רופט דעם טעלעפאן קלעימס צענטער, וועט דער אפעראטאר קודם בעטן צו רעדן מיט די קלעימענט. זיי וועלן בעטן דער קלעימענט ערלויבעניש צו רעדן מיט אייך. נאכדעם וועלן זיי אייך פרעגן די פאלגנדע פראגעס:

- וואס איז אייער נאמען?
- וואס איז אייער פארבינדונג צום קלעימענט?
- וויאזוי האט איר באקומען די PIN?
- וועלכע סערוויסעס האט איר גענוצט מיט דער PIN?
- אייערע ענטפערס וועלן ווערן רעקארדירט

דער אפעראטאר וועט זאגן פארן קלעימענט אז זיי זענען פאראנטווארטליך פאר וואס דער העלפער טוט. דער אפעראטאר וועט אייך ביידע דערמאנען אז דער קלעימענט'ס PIN איז זייערע עלעקטראנישע אונטערשריפט. דאס מיינט אז דער קלעימענט מוז זיין מיט אייך ווען איר טוט עפעס אין פארבינדונג מיט זייער קלעים.

אויב איר רופט דער טעלעפאן קלעימס צענטער ווען דער קלעימענט איז נישט מיט אייך, וועט דער שטאב אייך זאגן אז זיי קענען נישט רעדן מיט אייך. פריוואטקייט אנווייזונגען ערלויבן נישט אז זיי זאלן ארויסגעבן קלעים אינפארמאציע פאר סיי וועמען אויסער דער קלעימענט. דאס איז דער געזעץ.

## פארבינדט זיך מיט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר

### זיך איינצוגעבן פאר ארבעטסלאזיקייט אינשורענס בענעפיטן

גייט צו אונזער וועבסייט אויף **labor.ny.gov/unemploymentassistance.shtm**.

אדער רופט טאל-פריי **888-209-8124** פון 8:00 אינדערפרי ביז 5:00 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג.

אויב איר נוצט א ווידיא רילעי סיסטעם אדער אן אנדערע סארט רילעי סערוויס, דאן קאנטאקט אייער רילעי אפעראטאר און בעט דער רילעי אפעראטאר צו רופן **888-783-1370**.

## צו קלעימ'ען וועכנטליכע בענעפיטן (סערטיפיי'ען פאר בענעפיטן)

גייט צו אונזער וועבסייט אויף **labor.ny.gov/signin**.

אדער רופט אן טאל-פריי **888-581-5812**.

אויב איר נוצט TTY/TDD, רופט א רילעי אפעראטאר אויף **800-662-1220** און בעט דער אפעראטאר צו רופן **888-783-1370**.

אויב איר נוצט א ווידיא רילעי סיסטעם אדער אן אנדערע סארט רילעי סערוויס, דאן קאנטאקט אייער רילעי אפעראטאר און בעט דער רילעי אפעראטאר צו רופן **888-783-1370**.

## פאר אלגעמיינע פראגעס וועגן ארבעטסלאזיקייט אינשורענס

קוקט איבער דער קלעימענט'ס האנטבוך וואס איר האט באקומען אין דער פאסט אדער גייט אנליין צו **labor.ny.gov/uihandbook**.

איר קענט אויך איבערקוקן די "אפט געפרעגטע פראגעס" אויף אונזער וועבסייט אויף **labor.ny.gov/ui/faq.shtm**.

## פאר א ספעציפישע פראגע וועגן אייער קלעים

שיקט אונז א פארזיכערטע מעסעדזש. סיינ'ט אריין צו אייער אנליין אקאונט אויף **labor.ny.gov/signin**. דריקט אויף די קאנווערט אייקאן אין די אויבערשטע רעכטס פון די "מיינע אנליין סערוויסעס" בלאט. שרייבט און שיקט אייער מעסעדזש.

רופט אונזער טעלעפאן קלעימס צענטער טאל-פריי אויף **888-209-8124**. ביי די מעין מעניו, דרוקט 5 צו פרעגן א פראגע וועגן א קלעים וואס איר האט שוין גע'פייל'ט. אויב עס זענען דא אסאך טעלעפאן רופן וועט איר מעגליך געלייגט ווערן אויף האלד אדער וועט מען אייך פארשלאגן צו ווערן צוריקגערופן.

אויב איר האט א הער-קראפט פראבלעם און נוצט TTY/TDD, דאן רופט א רילעי אפעראטאר אויף **800-662-1220** און בעט דער אפעראטאר צו רופן **888-783-1370**.

אויב איר נוצט א ווידיא רילעי סיסטעם אדער אן אנדערע סארט רילעי סערוויס, דאן פארבינדט זיך מיט אייער רילעי אפעראטאר און בעט דער רילעי אפעראטאר צו רופן **888-783-1370**.

אויב איר האט א פראגע וועגן אייער NY.gov ID, רופט **800-833-3000** צווישן 8:30 am און 4:30 pm, מאנטאג ביז פרייטאג. דרוקט 2 צו רעדן צו א פארשטייער אין די דעפארטמענט אוו לעיבאר קאנטאקט צענטער.

## אויב איר קענט נישט רעדן ענגליש גוט

רופט אונזער טעלעפאן קלעימס צענטער טאל-פריי אויף **888-209-8124**. הערט צו דער ערשטע מעסעדזש וועגן שפראכן וועלכע זענען אוועילעבל, דאן דרוקט דער נומער פאר אייער שפראך.